ער זיך[216*] אויף דעם וואס שטייט אין זהר[217], אז "ר' יהודה הוו ידוי מלוכלכן..ובריך עד דלא נטיל כו'" - אז ער האט געמאכט די ברכה מיט ידים מלוכלכות, "משא"כ בר' יצחק לא איתמר זה" - וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז ער האט יע מקפיד געווען אויף לכלוך הידים, און "בירך אחר הנטילה".

און איז מבאר דעם חילוק: ר' יהודה איז בחי' חסד, און ר' יצחק - גבורה. און דערפאר איז אויך א חילוק אין דעם "לכלוך" שלהם:

דער "לכלוך" וואס ווערט מצד דער יניקה מבחי' חסד, איז ניט אזוי נידעריק, וע"ד "אברהם יצא ממנו ישמעאל"[218] - וואס ישמעאל איז ניט אזא "קליפה קשה" ווי עשו, וואס דערפאר האט אברהם געזאגט "לו ישמעאל יחי' לפניך"[219], און נאך מער - ישמעאל האט תשובה געטאן בחיי אברהם[220]. און דערפאר האט ר' יהודה ניט מקפיד געווען אויף לכלוך ידיו.

משא"כ פון גבורה, קו השמאל, קען ווערן א "יניקה גדולה ללעו"ז" ביז אין אן ענין הפכי לגמרי, ע"ד "יצחק יצא ממנו עשו" , וואס ער איז געווען אינגאנצן שלא כדבעי, און ער האט ניט תשובה געטאן, און דערפאר מוז מען אפוואשן דעם לכלוך (שמצד בחי' שמאל, ר' יצחק) איידער מ'מאכט די ברכה.

ער איז אבער ניט מבאר אין דער הערה, וואס איז די הוראה אין עבודה בפועל - "טאפארא דא פלאכא"[221] - פאר יעדערן וואס וועט לערנען, אדער האט געלערנט, די הערה. וכפי שיתבאר לקמן.

נט. מ'איז דאך נוהג (ווי די יש אומרים וואס דער אלטער רבי ברענגט בסידורו) צו זאגן פרקי אבות בכל שבתות הקיץ -

איז די התחלה פון דעם פרק פון היינטיקן שבת (פרק חמישי) "בעשרה מאמרות נברא העולם", ועד"ז רעכנט ער דערנאך אויס נאך ענינים וואס זיינען במספר "עשרה".

וואס דאס האט א שייכות מיוחדת צום היינטיקן שבת

- י"ב - ___________

*216) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' שצח-ט. 217) זח"ג קפו, א. 218) פסחים נו, א. ויק"ר פל"ו, ה. ספרי דברים ו, ד. האזינו לב, ט. ברכה לג, ב. 219) לך יז, יח. 220) ב"ב טז, ב. ב"ר פנ"ט, ז. פרש"י לך טו, טו. 221) ס' התולדות מהר"ש ע' 69. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

- י"ב תמוז - וואס אין דעם מאמר רעדט ער וועגן "עשרה שיושבין ועוסקין בתורה", די מעלה פון עשרה דוקא.

וז"ל במשנה א׳: "בעשרה מאמרות נברא העולם ומה תלמוד לומר כו׳ אלא להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות".

אין דער משנה זיינען פאראן כו"כ דיוקים - ווי מ׳האט שוין גערעדט אמאל און ס׳איז שוין געדרוקט[222] - וועט מען איצט אויך מוסיף זיין נאך דיוקים:

א) פארוואס זאגט די משנה פריער "להפרע מן הרשעים כו׳" און דערנאך "וליתן שכר טוב לצדיקים כו׳" - לכאורה האבן זיי געדארפט שטיין אין א פארקערטן סדר: פריער "ליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם כו׳" און דערנאך "ולהפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם כו׳" - ווארום דער תכלית הבריאה איז דאך אז עס זאל זיין "מקיימין את העולם" דורך דער עבודה (פון צדיקים) בתומ"צ. ס׳איז נאר, אז כדי עס זאל זיין בחירה חפשית, האט דער אויבערשטער געמאכט ניט נאר "חיים" און "טוב" נאר אויך דער היפך, ובמילא איז דא אן אפשריות אויף "רשעים שמאבדין את העולם".

האט דאך די משנה געדארפט אנהויבן מיט "ליתן שכר טוב לצדיקים", וואס דאס איז דער עיקר פארוואס "נברא העולם".

ב) וואס איז דער לשון "להפרע מן הרשעים"? לכאורה וואלט געוועזן מער מתאים צו נוצן א לשון עונש - להעניש את הרשעים בעונש גדול (או: עונש רב), וואס דאס וואלט מדגיש געווען דער לעו"ז פון צדיקים - "ליתן שכר טוב לצדיקים"?

אמת טאקע, אז מען געפינט בכ"מ בחז"ל דעם לשון "להפרע" בנוגע לרשעים, ביז דער לשון וואס ברענגט זיך להלכה[223] "מי שפרע מאנשי דור המבול כו׳" - אבער דא אין דער משנה וויל מען דאך ארויסברענגען דעם "זה לעומת זה" פון צדיקים און רשעים; האט די משנה - וואס לשון המשנה איז דאך בתכלית הדיוק - געדארפט נוצן דוקא אט דעם לשון וואס איז מדגיש דעם "זה לעומת זה": להעניש את הרשעים עונש גדול (רב) - לעומת "ליתן שכר

- טוב -

---

222) לקו"ש ח"ד ע׳ 1222 ואילך. ועוד. 223) ב"מ מד, א.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

טוב לצדיקים".

ג) וויבאלד דער תנא רעכנט אויס כמה ענינים פון עשרה, האט ער לכל לראש געדארפט רעכענען די עשרת הדברות?

ובפרט אז אלץ נעמט זיך דאך פון תורה, און די עשרה מאמרות נעמען זיך פון די עשרת הדברות, ווי עס שטייט אויפן פסוק[224] "עשרה עשרה הכף בשקל הקודש", אז[225] די צוויי פעמים "עשרה" זיינען כנגד די עשרה מאמרות און עשרת הדברות, ווייל די עשרה מאמרות זיינען כנגד (און נעמען זיך פון) די עשרת הדברות. איז וויבאלד אז אלץ הויבט זיך אן פון די עשרת הדברות, האט דער תנא לכל לראש געדארפט זיי דערמאנען אלס אן ענין וואס איז במספר עשרה?

ס. אמאל האט מען מבאר געווען, אז דער טעם דערויף איז, ווייל מס' אבות איז דאך "מילי דחסידותא"[226]. ובמילא האט ניט קיין ארט צו ברענגען די עשרת הדברות, וואס זיי זיינען ציווים מפורשים בתורה, און ניט קיין מילי דחסידותא.

אבער דער ביאור איז ניט מספיק

- מאמר המוסגר: עס זיינען פאראן אזוינע וואס טענה'ן: היתכן מ'איז מבאר אן ענין אנדערש ווי מ'האט עס מבאר געווען ביי א פריערדיקער געלעגנהייט!

אבער בשעת מ'האט א קשיא אויף אן ענין וואס מ'האט אמאל גערעדט קען מען דאס פרעגן און מבאר זיין דעם ענין באופן אחר, אן קיין געוואלד! כבפשטות, אז אין לימוד התורה קומען שטענדיק צו נייע ענינים.

ועד"ז בעניננו, אז בשעת מען טראכט זיך אריין בזה, איז דער ביאור הנ"ל ניט מספיק -

ווייל ס'איז ניט דער פשט אז עס ברענגט זיך ניט אין מס' אבות קיינע ענינים וואס זיינען חיובים כו' - בכמה מקומות במס' אבות ברענגען זיך ענינים פון תורה ומצות וועלכע מ'איז אין זיי מחוייב, ביז צו כללות קיום התומ"צ ווי "והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כו'"[227], "הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה"[228].

- ווארום -

-----------

224) נשא ז, פו. 225) זח"ג יא, ב. 226) ראה ב"ק ל, א. 227) פ"ב מ"א. 228) פ"ג מ"א.



SichosKodesh.com

ווארום אע"פ אז דער עצם ענין פון "מצוה" און "עבירה" איז ניט קיין ענין פון מילתא דחסידותא, איז אבער כוונת המשנה, אז דורך דער התבוננות אין דעם גודל החשיבות פון מצוות ועבירות וועט ער זיין אפגעהיט אין זיי מיט א תוספות זהירות, ע"פ מדת חסידות.

ועד"ז בנדו"ד, אז די משנה האט געדארפט אויסרעכענען אויך די עשרת הדברות, וואס דורך דעם וואס מען ווייס אז זיי זיינען אין א מספר פון "עשרה", וואס דאס איז (ניט דער ענין פון די דברות גופא, נאר) אן ענין (וחשיבות) נוסף אין זיי - איז דאס מוסיף אין דער זהירות בעשה"ד (באופן דמילי דחסידותא).

עד"ז האט מען אמאל גערעדט וועגן דעם קשר פון מספר עשרה צום ענין פון עשר ספירות, וואס זיינען במספר עשר דוקא, - אבער אויך דער ענין דארף האבן א ביאור, וכפי שיתבאר לקמן.

סא. ווי דערמאנט פריער, האט דער מספר "עשרה" א שייכות מיוחדת צום מאמר עשרה שיושבין ועוסקין בתורה, וואו עס רעדט זיך די מעלה פון לימוד התורה בעשרה דוקא.

און דאס איז אויך די הוראה אין עבודה בפועל, אז מען טאר זיך ניט באנוגענען מיט לימוד התורה לעצמו, נאר מען דארף לערנען מיט אנדערע, און אין אן אופן פון טופח ע"מ להטפיח - אז זיי זאלן לערנען אויך מיט אנדערע, וואס דורך דעם שטעלט מען צונויף א ציבור של "עשרה שיושבין ועוסקין בתורה".

און דורך דעם וואס מען שטעלט אויף א ציבור פון אידן "עוסקין בתורה" - וואס דאס איז דער ענין פון צדקה שבתורה ווי דער רבי איז מבאר בסיום המאמר - ווערט אויפגעטאן אויך די שלימות פון "ציבור" שבאדם עצמו, אז מ'האט אלע עשר כחות הנפש בשלימות.

- ווי דער סיפור וואס דער רבי האט דערציילט וועגן זיין זיידן[229], אז נאך זיין חתונה האט מען מיט אים אפגערעדט אז ער זאל דאווענען תפלה בציבור. איינמאל, האט דער וואס האט מיט אים אפגערעדט דעם תנאי אים געטראפן ווי ער דאווענט אן א מנין. האט ער ביי אים געמאנט - היתכן ער איז ניט מקיים דעם תנאי! האט ער אים געענטפערט, אז דער ענין פון תפלה בציבור

- איז -

---

229) לקו"ש ח"ב ע' 477 ואילך.

איז - "לצבור", צונויפקלייבן אלע עשר כחות הנפש -

ובמילא האט מען סיי דעם ענין ה"ציבור" אין זיך, און סיי דעם ענין ה"ציבור" (עשרה שיושבין ועוסקין בתורה) כפשוטו,

און דאס ווערט די הכנה קרובה צום "קהל גדול ישובו הנה"[230] - קהל גדול דוקא, וואס דאס איז פארבונדן מיט "גדול ה' בעיר אלקינו"[231], ווי חסידות ברענגט פירוש חז"ל[232] "אימתי הוא גדול כשהוא בעיר אלקינו",

וואס דאס איז די "עיר שחוברה לה יחדיו"[233], אז "ירושלים של מעלה" ווערט נתחבר מיט "ירושלים של מטה"[234], וואס דאס איז כולל אויך דעם ענין המקדש - אז דער מקדש של מעלה קומט אראפ אין דעם מקדש של מטה,

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

סב. דער ביאור אין פירוש רש"י:

ווי גערעדט פריער, אז לערנענדיק דעם פסוק "ויחבוש את אתונו" ווערט שווער ביים בן חמש למקרא: למאי נפק"מ צו דערציילן אין תורה אז בלעם האט אליין חובש געווען "אתונו"? אויף דעם זאגט רש"י "מכאן שהשנאה מקלקלת את השורה", ובמילא לערנט מען דערפון אפ אויף וויפל מ'דארף זיין אפגעהיט פון ענין השנאה.

ביים בן חמש למקרא איז אבער שווער: וויבאלד מען געפינט אזא הנהגה פון "מקלקלת את השורה" בנוגע לשנאה, איז דאך זיכער פאראן אזא ענין אויך אין קדושה. ווארום ער ווייס אז אלץ איז באשאפן געווארן פון אויבערשטן ווי ער האט געלערנט אין פשוטו של מקרא. איז אויב מ'געפינט אזא ענין אין לעו"ז, איז עס דערפאר וואס דער ענין איז פריער פאראן אין צד הקדושה - אין אן ענין פון תומ"צ, ברכת ה' וכו' - און ערשט דערנאך קומט עס אראפ אין לעו"ז.

וואו געפינט מען אן ענין פון "מקלקלת את השורה"



------------

230) ירמי' לא, ז. 231) תהלים מח, ב. 232) ראה זח"ג ה, א. 233) תהלים קכב, ג. 234) ראה תענית ה, א. וראה רשימות הצ"צ לתהלים (יהל אור) תהלים שם.

הנחת הת" בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ומיד זאל קומען די אתחלתא דגאולה און גלייך דערנאך די גאולה האמיתית והשלימה, וואס וועט זיין א גאולה נצחית, און מ'וועט גיין אלע צוזאמען אין ירושלים עיר הקודש, "קרית מלך רב", "עיר שחוברה לה יחדיו".

און נאך פאר דעם וועט זיין א מצב פון "והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקותיך"[262], ועכ"פ מעין זה שוין איצטער,

און מ'גייט גלייך דערנאך לקבל פני משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ובמהרה בימינו ממש.

*  *  *

עו. דער ביאור אין פרקי אבות:

בנוגע צו סדר דברי המשנה, אז פריער שטייט "להפרע מן הרשעים כו'" און דערנאך "וליתן שכר טוב לצדיקים" - האט מען אמאל מבאר געווען, אז דאס איז פארבונדן מיט דעם עילוי אין עבודת התשובה. ווארום תכלית הכוונה פון ענין הרשעים איז, אז ס'זאל זיין הפיכת הרע ע"י התשובה. און וויבאלד אז עבודת התשובה איז העכער פאר עבודת הצדיקים, כמאחז"ל[263] במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין עומדין שם, דערפאר איז מען מקדים "להפרע מן הרשעים" צו "וליתן שכר טוב לצדיקים".

מ'דארף נאך אבער פארשטיין: לשון המשנה איז דאך "להפרע מן הרשעים", וואס אין דעם איז כלל ניט מרומז דער ענין התשובה (לכאורה), איז אויב כוונת המשנה (אין מקדים זיין "להפרע מן הרשעים") איז צוליב מעלת התשובה - איז דאך עיקר חסר מן הספר?!

איז דער ביאור בזה:

אין דעם לשון "להפרע" זיינען פאראן צוויי פירושים: (א) מלשון עונש, מ'צאלט אפ איינעם פאר א דבר בלתי רצוי וואס ער האט געטאן. (ב) מלשון פריעת חוב, אז מ'צאלט אפ א זולת וואס מ'קומט אים, און דאס איז אויך פורע און משלים זיך אליין, אז מ'האט ניט דעם חוב וואס מ'קומט דעם צווייטן (ווייל מ'האט דאס אפגעצאלט).

\- ועד"ז -

---

262) ישעי' מט, כג. 263) ברכות לד, ב. רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ועד"ז בנדו"ד: "להפרע מן הרשעים" האט צוויי פירושים - (א) אז מ'איז מעניש די רשעים, און (ב) אן ענין פון פרעון חוב, אז דער אויבערשטער מאנט אויף בא די רשעים אז זיי זאלן אפצאלן דעם חוב וואס זיי קומען דורך דעם וואס זיי האבן ניט מקיים געווען שליחותם בעולם צוליב וואס נשמתם האט יורד געווען למטה בגוף - דורך דעם וואס זיי וועלן תשובה טאן. און דורך דעם ווערט אין זיי (אין די רשעים) א שלימות, ווייל זיי האבן ניט דעם חוב וואס זיי קומען דערפאר וואס זיי האבן דאס אפגעצאלט.

און אייגנטלעך זיינען די צוויי פירושים פארבונדן זב"ז, און זיינען איין פירוש: צוליב דעם וואס די רשעים האבן ניט ממלא געווען שליחותם בירידת נשמתם בגוף - קומט זיי א פרעון, אן עונש. אבער לאידך גיסא - איז די כוונה און תכלית פון אן עונש (ניט קיין ענין שלילי, נאר) אז דאס זאל ברענגען צו פרעון החוב (אויף דעם וואס מ'האט ניט מקיים געווען די שליחות למטה), צו עבודת התשובה, וואס טוט אויף א שלימות (אן ענין חיובי) אין דעם אדם.

כידוע אז אין עונשים מלמעלה זיינען דא צוויי אופנים. ובהקדים: די כוונה אין עונשים (בתורה) איז דאך צו מתקן זיין אן ענין (און ניט סתם שלאגן דעם וואס האט עובר געווען אויפן חטא, אלס נקמה וכיו"ב, ח"ו). ובזה גופא זיינען פאראן צוויי אופנים. ובכללות - החילוק בין עונשים דאוה"ע ועונשים דבנ"י[264]:

(א) עונשים וואס מטרתם איז - להאביד אדם החוטא, ווארום איבודם זהו תקנתם, דערפאר וואס מ'קען אים ניט מעלה זיין. ובכללות איז דאס די עונשים פון אוה"ע, וואס (בכלל) אין להם חלק לעוה"ב.

(ב) עונשים וואס זיינען ניט מאבד דעם אדם החוטא, נאר מטרתם איז צו ברענגען דעם אדם צו תשובה טאן, און דורך דעם מהפך מעמדו ומצבו לקדושה. וואס באופן זה זיינען די עונשים בא אידן.

ועפ"ז איז מובן ווי דער ענין פון "להפרע מן הרשעים" איז פארבונדן מיט עבודת התשובה, ווייל להפרע איז דער טייטש אז דורך תשובה צאלט ער אפ זיין חוב אויף דעם וואס ער האט ביז איצטער ניט מקיים געווען



---

264) ראה לקו"ש ח"ה ע' 160. ובכ"מ.

הנחת הת' בלתי מוגה

שליחותו בעולם, ביז אז ער איז מהפך מעמדו ומצבו לקדושה.

און וויבאלד אז תשובה האט אין זיך אן עילוי נעלית יותר ווי עבודת הצדיקים, און דוקא דורך עבודת התשובה טוט מען אויף דער אמת׳ער דירה בתחתונים בתחתון שאין תחתון למטה ממנו, כדלקמן - דערפאר איז די משנה מקדים "להפרע מן הרשעים" צו "ליתן שכר טוב לצדיקים", כנ"ל.

עז. עפ"ז, אז "להפרע" גייט אויף דעם פרעון חוב דורך עבודת התשובה - איז מובן אז דאס דארף אויך זיין מתאים מיט המשך דברי המשנה "להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם". והביאור בזה:

דער טעם פארוואס עונשים בא אידן זיינען אין אן אופן פון פרעון חוב, בכדי ברענגען דעם אדם לתשובה (און ניט ח"ו אן ענין של איבוד), ווארום די פנימיות פון יעדן אידן, אפילו א רשע, איז טוב וקדושה. און בשעת ער איז ח"ו ניט ממלא שליחותו בעולם דארף מען נאר מגלה זיין אין אים זיין פנימיות - אז ער זאל תשובה טאן, און דעמולט ווערט ער בשלימות ביז אז ער קומט צו לעילוי נעלית יותר ווי לפני שעבר על החטא כו׳.

און דאס איז מרומז אין דעם ווארט "רשעים" ("להפרע מן <u>הרשעים</u>"): "רשע" איז אויך פארבונדן מיט לשון <u>הצלחה</u> - כמ"ש[265] "ובכל אשר יפנה <u>ירשיע</u>", וואס דער פירוש אין דעם איז - מלשון הצלחה.

ועד"ז איז מובן בנוגע צו "להפרע מן <u>הרשעים</u>" אין אונזער משנה: דורך דעם פרעון החוב פון עבודת התשובה (אויף דעם וואס ער האט ניט מקיים געווען שליחותו בעולם) ווערט פון "רשעים" - "ירשיע", דער ענין ההצלחה, מער וויפל מ׳האט זיך גערעכט, וויבאלד אז ער קומט צו לדרגא נעלית יותר ווי לפני החטא.

עח. און דער טעם אויף דעם עילוי פון "להפרע מן הרשעים", דער עילוי פון פריעת החוב ע"י תשובה וואס איז דא בא "רשעים", איז - דערפאר וואס "מאבדין את העולם" (וואס בהתאם להנ"ל איז אין דעם אויך דא א פירוש למעליותא):

- כשם -

------------

265) ש"א יד, מז.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

כשם ווי בא בני אדם (און במילא - איך עונשים) זיינען פאראן צוויי סוגים, בכללות - אוה"ע און אידן, וואס בשעת זיי זיינען עובר על רצון ה', איז ביי אוה"ע איבודם זהו תקנתם, און אידן קענען נתעלה ווערן לקדושה ע"י פרעון החוב דורך תשובה - אזוי זיינען אויך דא צוויי סוגים בעולם:

ס'זיינען דא ענינים בעולם פון שלש קליפות הטמאות, וואס מ'קען זיי ניט מעלה זיין לקדושה, ווארום זיי זיינען אסורים וקשורים בידי החיצונים, און מיט זיי דארף זיין די עבודה באופן של דחי', און איבודם זהו תקנתם. כמבואר אין תניא[266], און ווי ער ברענגט די דוגמא אויף דעם פון ערלה און כלאי הכרם, וואס זיי דארף מען מדחה זיין.

און ס'זיינען דא ענינים בעולם פון קליפת נוגה, וואס זיי קען מען מעלה זיין לקדושה. ווי לדוגמא דער ענין פון טבל, וואס דורך נתינת התרומה איז מען מעלה די תבואה אדער די פירות וכיו"ב לקדושה. ועד"ז בממון האדם, איז דורך דעם וואס מ'גיט א חומש לצדקה איז מען מעלה די ארבע ידות לה'. וכיו"ב.

וואס דאס איז אלץ (אז מ'קען ניט מעלה זיין גקה"ט) מצד סדר השתלשלות און דער סדר מסודר ומדידה והגבלה פון עולם; א איד דורך תשובה (מאהבה) קען אבער אויפטאן בשעתא חדא וברגעא חדא אז אויך גקה"ט זאלן נתעלה ווערן לקדושה, אז ס'זאל זיין זדונות נעשו לו כזכיות, ביז "זכיות" ממש (און א כ"ף הדמיון), ועי"ד "אותן מצעות שהציעו לו באיסור הציעו לו בהיתר", כמבואר דארטן אין תניא[267].

וואס דורך דעם טוט מען אויף דעם אמת'ן ענין פון מאכן א דירה לו ית' בתחתונים שאין תחתון למטה ממנו - ווארום דער אמת'ער תחתון שאין תחתון למטה ממנו איז דער ענין הזדונות, גקה"ט, און בשעת מ'מאכט דאס איבער צו זכיות דורך תשובה, מאכט מען דערפון א דירה לו ית' בתחתונים שאין תחתון למטה ממנו.

עט. עפ"ז וועט מען פארשטיין דעם פירוש (למעליותא) אין "להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם":

עולם ווי ער איז נברא געווארן בעשרה מאמרות איז אויסגעשטעלט בסדר מסודר מיט א מדידה והגבלה, און

- דערצו -

---

266) פ"ו ואילך. 267) פ"ז.

דערצו איז דאס אן עולם מלשון העלם והסתר. ומצד דעם סדר ומדידה והגבלה פון עולם איז ספירת המלכות יורדת למטה, רגלי' יורדות, ביז אז דערפון ווערט נשתלשל רע, און דער סדר איז אז מ'דארף דוחה זיין דעם רע (און מ'קען דאס ניט מעלה זיין);

אבער "רשעים", דורך עבודת התשובה (וואס דעמולט ווערט "ירשיע" מלשון הצלחה) "מאבדין את העולם", זיי מאכן א תל פון דעם עולם שנברא בעשרה מאמרות, זיי זיינען מבטל די מדידה והגבלה און העלם והסתר פון עולם שנברא בעשרה מאמרות*, זיי מאכן א תל פון וועלט, און זיי מאכן אויף א נייעם עולם, "השמים החדשים והארץ החדשה"[268], וואס אין דעם נייעם עולם קען מען מעלה זיין אויך גקה"ט, אז זדונות נעשו לו זכיות.

וע"ד דער ביאור בנוגע צו א בעל תשובה עצמו:

דער רמב"ם זאגט[269] אז א בעל תשובה "אהוב ונחמד הוא לפני הבורא כאילו לא חטא מעולם, ולא עוד ששכרו הרבה כו'". פרעגט זיך די שאלה: ווי קען דער אדם וואס האט עובר געווען על רצון ה' ווערן (דורך תשובה) אהוב ונחמד לפני הבורא כאילו לא חטא מעולם, ביז אז שכרו הרבה?! - איז די הסברה בזה: דורך תשובה ווערט נתבטל מציאותו הקודמת (בשעת ער האט חוטא געווען), און ער ווערט א נייע מציאות, ער ווערט א נייער מענטש, במילא איז ער ניט דער זעלבער מענטש וואס האט חוטא געווען, ווערט ער אהוב ונחמד לפני הבורא ביז אז שכרו הרבה.

ועד"ז בנוגע צו דעם וואס א בעל תשובה טוט אויף מיט מציאות העולם:

דער בעל תשובה איז מבטל מציאות העולם שנברא בעשרה מאמרות, און מאכט אויף א נייער עולם וואו מ'קען מעלה זיין גקה"ט, אז זדונות נעשו לו זכיות.

וכמבואר בגמרא[270] בנוגע צו תשובת ראב"ד - אז "יש קונה עולמו בשעה אחת":

- מצד -

---

*) והפירוש ב"עולם" בהמשך דברי המשנה "וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם" הוא (לא לעולם הזה, כ"א) בדוגמת (ולא ממש) "עולם" האצילות, הא"ס. ולהעיר מאגה"ק קל, סע"א.

---

268) ישעי' סו, כב. 269) הל' תשובה פ"ז ה"ד. 270) ע"ז יז, סע"א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

מצד עולם שנברא ע"י הקב"ה בעשרה מאמרות קען ניט זיין די עלי' פון גקה"ט, און דאס קען ניט זיין "בשעה אחת", בשעתא חדא וברגעא חדא, ווארום דארטן איז דא די מדידה והגבלה וסדר אז גקה"ט ווערן ניט נתעלה, און יעדער ענין נעמט דארטן זמן;

משא"כ ראב"ד האט אויפגעטאן ע"י תשובתו דער ענין פון "קונה עולמו", ער האט מבטל געווען דעם עולם שנברא בעשרה מאמרות און קונה געווען "עולמו", עולמו של הבעל תשובה, ניט עולם שנברא ע"י הקב"ה, וואס בעולם זה ("עולמו") קען זיין עליית גקה"ט, און בעולם זה קען מען דאס אויפטאן "בשעה אחת", בשעתא חדא וברגעא חדא.

דאס הייסט: ער איז ניט נאר מבטל די מדידה והגבלה והעלם והסתר פון עולם שנברא ע"י הקב"ה בעשרה מאמרות, דורך תשובה וואס איז למעלה ממדידה והגבלה - נאר ער איז "קונה" אן עולם חדש ("עולמו") - כמבואר אין כתבי האריז"ל[271] אז ראב"ד האט באקומען עולמו פון יוחנן כהן גדול ששימש פ' שנה ולבסוף נעשה צדוקי[272], וואס וויבאלד אז במשך פון פ' שנה איז עבודת יוחנן כה"ג געווען בתכלית העילוי, איז מובן אז ער האט געהאט אן "עולם" שלם, און מ'קען ניט זאגן אז דער עולם איז "פארלארן" געגאנגען ח"ו - איז מבאר דער אריז"ל אז ראב"ד ע"י תשובתו האט קונה געווען דעם עולם און די כלים.

ועד"ז בהפירוש אין "מאבדין את העולם" (אין אונזער משנה), אז עולם שנברא ע"י הקב"ה בעשרה מאמרות איז טאקע "על מילואו נברא", אבער דאס איז מילואו אין דער מדידה והגבלה און העלם והסתר פון עולם זה; משא"כ א בעל תשובה טוט אויף אז "מאבדין את העולם", ער איז מבטל די מדידה והגבלה און העלם והסתר פון עולם שנברא בעשרה מאמרות, ווייל ביי אים איז דא די עבודה פון "מקלקלת את השורה"[273], "אדלג שור"[274] און ער ווערט א "שותף להקב"ה במעשה בראשית"[275] - ער מאכט אויף א נייעם עולם, "עולמו", וואו מ'קען מעלה זיין גקה"ט, זדונות נעשו לו זכיות.

פ. עפ"ז איז מובן אז אין דברי המשנה "להפרע מן

- הרשעים -

---

271) ל"ת שלו תהלים לב. 272) ברכות כט, א. 273) כנ"ל סס"ב ואילך. 274) ש"ב כב, ל. וראה תו"א ב, א. ג, ב. 275) שבת קיט, א.

הרשעים שמאבדין את העולם" איז דא א פירוש למעליותא - בהתאם לשיטת ר' לוי"צ בארדיטשעווער, וואס ער איז מבאר די פסוקים פון הפטורת שבת חזון למעליותא. ולדוגמא: "עם כבד עון"[276] איז ער מפרש, אז דער כללות ענין פון "עון" איז א דבר "כבד", א שווערע זאך, פאר אידן צו טאן, ועד"ז די אנדערע פסוקים אין דער הפטורה.

וע"פ שיטה זו קען מען אויך מפרש זיין "להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם" למעליותא:

ס'איז דא דער פירוש הפשוט בזה, אז פאר דעם ענין התשובה זיינען דא רשעים וואס זיינען מאבד את העולם כפשוטו. אבער נאך דעם ענין התשובה איז: "להפרע": מלשון פריעת חוב - אז מ'צאלט אפ דעם חוב אויף דעם וואס מ'האט ניט ממלא געווען שליחותו בירידת הנשמה בגוף, דורך עבודת התשובה. "מן הרשעים": מלשון הצלחה - אז מצד גודל ענין התשובה האט מען הצלחה מערער וויפל מ'האט זיך געריכט - ווארום "(ש)מאבדין את העולם": מ'איז מאבד און מבטל מדידה והגבלה והעלט והסתר העולם שנברא בעשרה מאמרות, און מ'מאכט אויף א נייעם עולם, מ'ווערט א שותף להקב"ה במעשה בראשית - במילא טוט מען אויף מער וויפל מ'האט זיך געריכט מצד בריאת העולם ע"י העשרה מאמרות. ווארום מ'מאכט א דירה לו ית' בתחתונים אין א תחתון שאין תחתון למטה ממנו, אויך אין גקה"ט, אז זדונות נעשו לו זכיות, וואס אויף דעם האט מען זיך אינגאנצן ניט געריכט (כביכול) מצד בריאת העולם בעשרה מאמרות, במדידה והגבלה.

פא. מ'דארף נאך אבער מבאר זיין פארוואס ברענגט זיך ניט אין דעם פרק די עשרת הדברות (כנ"ל) - בכדי אבער ליתן הפסק וריוח, וועט מען פריער זינגען דעם ניגון "הבינוני", וואס דער ניגון איז געווען זייער טייער בא דעם בעל הגאולה.

און ס'איז ידוע הפתגם שלו[277] אז א ניגון איז קולמוס הלב, און "ליבא פליג לכולא שייפין"[278] - זאל פון דעם ניגון נמשך ווערן מהלב אין אלע אברי הגוף, ביז ועיקר - אין מעשה בפועל, אין אויספירן די שליחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל הגאולה.

ניגנו את ניגון הבינוני.

* * *

---

276) ישעי' א, ד. 277) לקו"ד ח"ג תקי, ב.
278) ראה זח"ג רכא, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com